# דער פֿירער

מיר זיינען ווייט
אין אויפֿגעשטויבט אומענדלעכע גאַסן
ווי אין שטיקער מדבר זיך פֿאַרגאַנגען.
אַז געמיטער גייען אויס: „אַ טרונק!"
טאָ ווער וועט זיי דערלאַנגען?

מיט בלאָנדזשען, מיט צעהיצטער מידקייט
זענען פֿול די פֿאַלדן פֿון אונדזער ראָק.
הערצער בייגן זיך איין ווי קעמלען
און נעמען אויף די לאַסט פֿון טאָג.

קיין פּאַלמע, קיין קוועלכל, אַזוי בלאָנקען דורך פֿייער
און איינציקווייז שטאַרבן אין זאַמד, ביז וואַנען?
האַלטסט די זוןביים אויג ווי אַ לאָרנעטע
גאָט, זײַ דער פֿירער פֿון קאַראַוואַנען! ...

---

די עפּאָכע (פּאַריז-וואַרשע, 1928)
נומ׳ 2, 1928, ז׳ 122